


## פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת וארא, כ״ט טבת תשס״ז
גליון 3, מספר 10




# פרשת וארא

**וגאלתי אתכם בזרוע נטוי׳ ובשפטים גדולים**

די ערשטע ״מלחמה״ פון אידן איז געווען – קעגן פרעה מלך מצרים.

און דער פסוק דערציילט ווי אזוי דער אויבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים **״ביד חזקה ובזרוע נטוי״** (מיט א שטארקער האנט און אן אויסגעשטרעקטן ארעם), ווי דער פסוק זאגט: **״לבוא לקחת לו גוי מקרב גוי במסות באותות ובמופתים ובמלחמה וביד חזקה ובזרוע נטוי״** - דער אויבערשטער האט ארויסגענומען אידן פון מצרים מיט א מלחמה מיט א שטארקער האנט און אן אויסגעשטרעקטן ארעם.

דער פארשטייער פון ״פרעה״ און ״מצרים״ אין אונזער צייט - איז דער יצר הרע, וואס וויל, רחמנא ליצלן, אז א אידיש קינד זאל זיין ביי אים א קנעכט, און זיך אויפפירן לויט ווי דער יצר וועט אים אנזאגן.

בשעת אידישע קינדער פון ״צבאות השם״ פירן די מלחמה קעגן דעם יצר הרע, לויט די אנווייזונגען פון דעם אויבערשטן , דער ״קאמענדער–אין–טשיף״ פון צבאות השם, קען מען זיין זיכער, אז דער אויבערשטער וועט זיי העלפן צו מנצח זיין דעם יצר הרע און זיך באפרייען פון אים.

נאר עס פאדערט זיך אז מען זאל פריער אליין פירן די מלחמה קעגן דעם יצר מיט א שטארקייט ,״ביד חזקה ובזרוע נטוי״, אז כאטש דעם יצר וויל אים פארטומלען, רעכנט מען זיך ניט מיטן יצר און מ׳ווערט אינגאנצן ניט נתפעל פון אים: מען באקעמפט דעם יצר מיט אידישע כלי זיין - וואס זיינען דעם אויבערשטנ׳ס מצוות!

און דעמאלט העלפט דער אויבערשטער, און באפרייט אים פון זיין יצר הרע און נאך מער: דער יצר הרע ווערט ״דערטרונקען״ אין ״ים סוף״ ביז עס בלייבט ניט איבער פון אים קיין רושם כלל וכלל!

ובמילא האט מען די אמת׳ע פרייהייט, מ׳ווערט באפרייט פון יעדער זאך וואס שטערט צו דינען דעם אויבערשטן, און מען דינט דעם אויבערשטן מיט אמת׳ער שלימות און אמת׳ער באפרייאונג.

און דעמאלט ווערט מקויים וואס שטייט: **״כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״** - אזוי ווי די וואונדערס וואס דער אויבערשטער האט אונז באוויזן ביי יציאת מצרים, אזוי וועט ער באווייזן אונז וואונדערס בביאת משיח צדקנו.

ווארום ווען דער אויבערשטער זעט, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס אידישע קינדער געפינען זיך אין גלות, פירן זיי זיך אויף אין זאכן פון אידישקייט ווי א ״בן חורין״, א פרייער מענטש, פריי פון יעדער זאך וואס שטערט צו דינען דעם אויבערשטן ווי עס דארף צו זיין, פארשאפט דאס דעם אויבערשטן א גאר גרויסן נחת רוח, און ער ברענגט די גאולה האמיתית והשלימה,

*(המשך אין עמוד 2)*

*טייערע קינדער שלוחים,*

*מיר האבן שטענדיק די אידן פון ארץ ישראל אין אונזערע הערצער: מיר זאגן תהילים און בעטן ביים אויבערשטן ער זאל זיי באוויינען ווי ער היט זיי אלעמאל. אין דער וואך׳ס פרשה לערנען מיר א הוראה וואס גיט אונז גרויס חיזוק, אז דער אויבערשטער וועט טאקע העלפן אידן איבעראל.*

*עס שטייט אז נאכדעם וואס די שטעקן פון אהרן האט איינגעשלונגען די שטעקנס פון די מצריים, איז זיין שטעקן ניט געווארן גרעסער: מען האט ניט אפילו באמערקט אז ער האט דאס געטאן. דאס איז א סימן פאר אונז, אז ביי די גאולה וועלן אונזערע פיינט פארדארבן ווערן און מען וועט ניט האבן פון זיי אן אנדענק. ווי עס שטייט אין ישעי׳ הנביא אז דו וועסט זוכן די וואס קריגן זיך מיט דיר, און דו וועסט זיי ניט געפינען, זיי וועלן ווערן ווי גאר נישט!*

*דורך אייער הייליקע ארבעט ברענגט איר שוין די צייט פון גאולה, ווען אלע אונזערע פיינט וועלן צונישט ווערן און די אידן וועלן זיין פארזיכערט אין אונזער הייליק לאנד!*

*-א. וועכטער*

# דער חסידיש'ער לוח



## ב' שבט

### ב' שבט איז דער יארצייט פון ר' זושע פון אניפאלי.

ר' זושע איז געווען איינע פון די נענטסטע תלמידים פון דער מעזריטשער מגיד, און א נאנטע פריינט פון אלטן רבי'ן. דער אלטער רבי האט געשיקט דעם תניא צו ר' זושע פאר ער האט עם געדרוקט אז ר' זושע זאל דאס איבערקוקן. ר' זושע האט געשריבן א הסכמה אויף דעם וואס איז געדרוקט געווארן אין יעדער תניא.

די גרויסקייט פון ר' זושא האט זיך אויך אויסגעדרוקט אין זיין עבודת ה' בשמחה. ר' זושא איז געווען א גרויסער ארימאן, אבער ער איז אלעמאל געווען בשמחה. איינמאל, איז א חסיד געקומען צום שטוב פון ר' זושע. ער האט געוואלט פארשטיין ווי אזוי א מענטש קען זיין צופרידן אפילו מיט שוועריקייטן, און מען האט אים געזאגט, אז ר' זושע, וואס ער איז אלעמאל צופרידן, וועט אים קענען ענטפערן.

ווען דער חסיד האט געזען די ארימקייט אין דער שטוב, איז ער געווען זיכער אז ר' זושע וועט אים קענען ענטפערן.

ווען ער האט געזען ר' זושע, האט ער גלייך געזאגט, " ר' זושע, מען האט מיר געשיקט צו לערנען פון דיר ווי אזוי מען קען זיין צופרידן אפילו מיט שוועריקייטן. קענסטו דאס ערקלערן צו מיר?"

ר' זושע האט אים אנגעקוקט און האט געזאגט, "צו מיר האט מען דיר געשיקט? איך ווייס ניט פארוואס! מיין לעבן איז אזוי גוט, ווי אזוי זאל איך וויסן ווי מען איז צופרידן אפילו מיט שוועריקייטן?!?"

ר' זושע האט איינמאל געזאגט, "ווען איך וועל אנקומען אין הימל וועט מען מיר ניט פרעגן פארוואס איך בין ניט געווען ווי משה רבינו, נאר פארוואס בין איך ניט געווען ווי ר' זושע האט געקענט זיין!"

*די אהל פון ר' זושע איז אין אניפאלי.*

# משיח נאו!



עס איז באוואוסט אז די פיר לשונות של גאולה - פון היינטיקער סדרה - "והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי" זיינען כנגד די ד' גאולות, פון גלות מצרים ושאר הגליות. דערפון איז פארשטאנדיק אז דער לשון "והבאתי" רעדט וועגן דער גאולה דלעתיד לבוא...

פון דעם וואס אויך דעם פינפטן לשון האט דער אויבערשטער געזאגט ביי גאולת מצרים, איז פארשטאנדיק אז אנפאנגענדיק פון יציאת מצרים, האט זיך שוין אנגעהויבן די גאולה העתידה אין אלע אירע ענינים, לויט דעם ווארט פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז פון יציאת מצרים אן, פארט מען צו דער גאולה דלעתיד!

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

און פונקט ווי ביי יציאת מצרים איז "**לא עכבן המקום** (אפילו) **כהרף עין**" - ער האט ניט פארהאלטן אידן אין גלות אפילו איין איבעריקע סעקונדע, אזוי אויך נעמט דער אויבערשטער אונז ארויס פון דעם איצטיקן גלות אין אן אופן פון "מיד הן נגאלין" - ער לייזט אונז אויס באלד, "משיח נאו"!

(פון דער רבי' רעדט צו קינדער *משיחת ח"י ניסן תשמ"ה*)

# האסטו געוואוסט?



*י' שבט תשי"א האט דער רבי' געזאגט א מאמר אויף דעם מאמר פון פריערדיקן רבי'ן אנהויבנדיק מיט די ווערטער "באתי לגני". דער וואך וועלן מיר לערנען א קליינע שטיקל פון דעם מאמר אלס א הכנה צו י' שבט.*

"באתי לגני אחותי כלה", מיינט - קום צו מיין גארטן, מיין שוועסטער, מיין כלה. דאס רעדט וועגן דעם וואס מיר פרואוון אראפברענגען דעם אויבערשטנ'ס שכינה דא אין דעם וועלט.

עס שטייט אין מדרש אז אין די פסוק שטייט "לגני" - צו מיין גארטן , און נישט לגן - צו דעם גארטן, וואס דאס באווייזט אונז אז דער שכינה איז שוין געווען אין דער וועלט, און יעצט מוז עס נאר צוריקקומען צו דער פלאץ וואו עס איז שוין געווען.

וואס איז געשען? די שכינה איז געווען אין דער וועלט ווען דער אויבערשטער האט ערשט באשאפן די וועלט. דערנאך האבן מענשטן געזינדיקט, למשל מיט חטא עץ הדעת, און מיט יעדער זינד האט מען אוועקגעשיקט דער אויבערשטער נאך א הימל ווייטער פון אונז. דערנאך זיינען געקומען צדיקים, וואס דורך זייער עבודה, האבן זיי אראפגעברענגט די שכינה.

דער זיביטער - וואס אלע זיביטער זיינען באליבט -וואס דאס איז געווען משה רבינו, האט אראפגעבראכט די שכינה דא אין דער וועלט אין די צייט פון מתן תורה. דערנאך, דורך די זינד פון די אידן, איז די שכינה אוועקגעשיקט געווארן נאכאמאל, און מיר ארבעטן יעצט אראפצוברענגען די שכינה דא למטה - וואס דאס וועט טרעפן אין צייט פון דור השביעי - אונזער דור, ווען מיר וועלן שוין ברענגען משיח!

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
**בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
**נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה**

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# דערצייל מיר א מעשה

*לכבוד דעם יארצייט פון ר' זושע פון אניפאלי ברענגט מען די פאלגענדע מעשה*

עס איז געווען די ערשטע נאכט פון חנוכה, און די חסידים פון דער מעזריטשער מגיד האבן געווארט. דער מגיד פלעגט אלעמאל אריינקומען און אנצינדן חנוכה ליכט, און זיי האבן געוואונדערט פארוואס ער האט זיך פארשפעטיקט.

די לעצטע פאר יאר, האט ר' זושע געהאט די זכות אנצינדן די ליכט פון שמש. דערנאך האט ר' זושע געגעבן די שמש צו דער מגיד, וואס ער האט אנגעצונדן די מנורה. אבער ר' זושע איז ניט געווען, און די חסידים האבן געוואונדערט אויב דאס איז געווען דער סיבה פארוואס דער מגיד איז ניט אריינגעקומען אנצינדן זיין מנורה.

די שעות זיינען אריבערגעגאנגען און די חסידים האבן געווארט פאר זייער רבי. עס איז שוין געווען אין מיטן נאכט, חצות, ווען דער רבי איז ענדליך ארויסגעקומען און האט געזאגט צו זיך, "ר' זושע וועט ניט זיין מיט אונז היינט ביינאכט, וועלן מיר יעצט אנצינדן די מנורה."

דער מגיד האט מכבד געווען אן אנדערע חסיד אנצינדן די שמש, מען האט געזאגט די ברכות און אנגעצונדן די איין ליכטעלע פון מנורה. דערנאך האבן אלע געזונגען די חנוכה ניגונים.

די נעקסטע אינדערפרי, ווען דער מגיד און די חסידים האבן געענדיקט דאווענען, איז ר' זושע אריינגעקומען. פארמאטערט ווי אן שלאפן, איז ר' זושע געפאלן אויף זיין פלאץ. די חסידים זיינען אריבערגעגאנגען צו אים,

"שלום עליכם", האבן זיי געזאגט, "דער רבי האט א לאנגע צייט געווארט אויף דיר נעכטן, וואו ביסטו געווען?"

"נאך דעם וואס מיר וועלן אנצינדן די מנורה, וועל איך אייך זאגן די מעשה," האט זושע געענטפערט.

נאך דער מגיד האט אנגעצונדן די מנורה, האבן די חסידים געווארט אומגעדולדיקערהייט צו הערן זיין מעשה.

"ווי איר ווייסט, האב איך א מנהג גיין צו די קליינע שטעט לעבן מעזריטש נאך די ימים נוראים. איך גיי פון שטאט צו שטאט, און איך דערצייל מענטשן וועגן די גרויסקייט פון אויבערשטן און זיין נאנטקייט צו אונז. איך זאג זיי וועגן אונזער רבי , און איך ערקלער פאר זיי די תורה פון רבי'ן.

יעדן יאר פלאן איך אז איך זאל קענען זיין דא צוריק חנוכה . נעכטן, בין איך געווען אויפן וועג צוריק צו מעזריטש, ווען די שניי האט אנגעהויבן פאלן. עס האט געבלאזט זייער א שטארקע ווינט, און איך האב מורא געהאט איך וועל ניט אנקומען אין צייט. דער איינציקער זאך וואס האט מיר געגעבן כח ווייטער גיין, איז געווען דער פנים פון רבי'ן.

די ווינט האט זיך געשטארקט און איך האב געזען אז איך מוז זיך אפשטעלן אויפן וועג. בין איך אריינגעגאנגען אין שטוב פון ר' יענקל, אין א שטאט ניט ווייט פון מעזריטש.

איך האב געקלאפט אויפן טיר ביז איינער האט אויסגערופען, "ווער איז דא?"

"עס איז מיר, ר' זושע," האב איך געענטפערט.

"ר' יענקל'ס ווייב האט געעפנט דעם טיר מיר אריינצולאזן. זי האט אויסגעזען זייער דערשראקן. די קינדער האבן אויך אויסגעזען צוטרייסלט.

איך האב זיי אנגעקוקט אין וואונדער. וואס איז געשען?

"מיין מאן!" האט זי אויסגעשריען. "מיין מאן איז ארויסגעפארן אינדערפרי צו קלייבן האלץ ווי אלעמאל. ער האט מיר צוגעזאגט אז ער וועט צוריקקומען פרי, אנצינדן די מנורה, אבער עס איז שוין שפעט און ער איז נאך ניט צוריקגעקומען. איך האב מורא אז עפעס איז צו אים געשען!"

דער אמת איז אז איך האב אויך מורא געהאט. איך האב מורא געהאט פאר אים, און איך בין געווען דערשראקן אז אויב איך וועל אריינגיין אין וואלד אים זוכן, וועל איך זיך אויך פארפירן. אבער, איך האב ניט געטראכט לאנג, און איך האב אנגעטאן מיין מאנטל און איך בין ארויסגעגאנגען זוכן ר' יענקל.

איך בין אריינגעגאנגען אין וואלד, און איך האב געזען די פארעם פון א מענטש וואס שטייט אין שניי. איך האב גלייך באמערקט אז עס איז געווען יענקל, אבער איך האב מורא געהאט אז ער איז שוין ניט צווישן די לעבעדיקע. ב"ה איך האב באמערקט אז ער עטעמט נאך, און מיט מיין לעצטע כוחות, האב איך אים געשלעפט צו זיין שטוב.

ווען איך בין אריינגעקומען אין זיין שטוב, האב איך געפאלן פון קאלט. ר' יענקל'ס ווייב האט אים אנגעווארעמט, און זי האט אונז געברענגט א בוטל משקה וואס האט צוריקגעברענגט חיות אין מיינע פארפרוירענע גוף. נאר אין מיטן נאכט האבן מיר אנגעצונדן די מנורה, און מיר האבן מיט גרויס כוונה געזאגט "שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה", וויסנדיק אז דער אויבערשטער האט פאר אונז געמאכט א נס!

אינדערפרי בין איך ארויסגעפארן קיין מעזריטש, און איך בין דא אנגעקומען."

ר' זושע האט געענדיקט זיין מעשה. דער מגיד האט אים אנגעקוקט און האט געזאגט, "ר' זושע, דו זאלסט וויסן אז אין הימל האבן זיי געווארט אנצינדן די הימלדיקע מנורה ביז דו האסט אנגעצונדן דיין מנורה מיט ר' יענקל. אין די זכות פון דיין ראטעווען א איד פון שטארבן, האט מען אין הימל געווארט אויף דיר!"

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת וארא

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אפיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

שרייב די נעמען פון די מכות אין די ריכטיקע סדר, און פארבינד די נעמען צו די ריכטיקע בילד

סנכי ____________

רדב ____________

סד ____________

ןחשי ____________

פעדצד ____________

רבד ____________

בער ____________















## הצלחה רבה

נאמען:____________________________ ווי אלט:______

אדרעס:______________________________________________

______________________________________________

אימייל:________________________

די געווינער פון פרשת שמות: מנחם מענדל מונדשיין, 6